גליון 180

כי תשא תשפ"ד

# דעם רבינ'ס מעשיות

לעידוד וחיזוק הלימוד והחזרה
בספה"ק סיפורי מעשיות משנים קדמוניות
שסיפר רבינו הקדוש רבי נחמן מברסלב זיע"א

## דעם רבינ'ס משלים

### דֶעם קֶענִיגְ'ס צַעַר

**דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי פַּארְצֵיילְט אוּנְז אַ מָשָׁל.** עֶס אִיז אַמָאל גֶעוֶועןאַ מֶלֶךְ, וֶועלְכֶער הָאט גֶעהַאט אַ סְפֶּעצִיעֶלְן לִיבְשַׁאפְט צוּ אֵיינֶעם פוּן דִי קִינְדֶער פוּן זַיינֶע הֶערְן, דֶער קֶענִיג הָאט גֶעהַאט אַ וַוארִימֶע לִיבְּלִיכֶע נָאנְטְקַייט צוּ אִים, וֶוען דָאס קִינְד אִיז גְרֶעסֶער גֶעוָוארְן הָאט עֶר זִיךְ גֶעפִירְט מִיט עַזוּת קֶעגְן דֶעם קֶענִיג. דֶער קֶענִיג זָאגְט אִים: "זָאלְסְט וִויסְן, טְרָאץ וָואס אִיךְ הָאבּ דִיר זֵייעֶר לִיבּ, קֶען אִיךְ אָבֶּער פָּארְט נִישְׁט עוֹבֵר זַיין אוֹיף דִי קֶענִיגְלִיכֶע גֶעזֶעצְן, דוּ בִּיסְט פַּארְאוּרְטֵיילְט צוּם טוֹיט!". גְלַייךְ דֶערוֹיף הָאט דֶער קֶענִיג בַּאפוֹילְן אִים צוּ קֵייטְלֶען אוּן אַרַיינְפִירְן אִין תְּפִיסָה אַרַיין.

דָאס קִינְד פוּנֶעם הַאר הָאט זִיךְ גֶענוּמֶען אוֹיסְ'מָשָׁלֶ'ען דִי יִסּוּרִים וָואס עֶר וֶועט אַרִיבֶּער גֵיין בַּיים שְׁטַארְבְּן, אָבֶּער עֶר הָאט זִיךְ גֶעטְרֵייסְט אַז זַיינֶע וֵוייטָאגְן וֶועלְן זִיךְ נִישְׁט צוּ לַאנְג צִיעֶן, נָאר בִּיז דִי מִינוּט פוּנֶעם שְׁטַארְבְּן, אָבֶּער וֶוען עֶס אִיז אִים אַרוֹיפְגֶעקוּמֶען אִין גֶעדַאנְק דֶער צַעַר פוּנֶעם קֶענִיג, אַז דֶער קֶענִיג וֶועט דָאךְ אָבֶּער אַסַאךְ מֶער צַעַר אוּן עֶס וֶועט בְּלַייבְּן אוֹיף שְׁטֶענְדִיג, וַוייל עֶר הָאט בַּיי זִיךְ גֶעוואוּסְט אַז דֶער קֶענִיג הָאט אִים זֵייעֶר לִיבּ אוּן וֶועט זֵייעֶר בֶּענְקֶען נָאךְ אִים, אוּן אַ גְרוֹיס וֵוייטָאג וֶועט אִים אַלֶעמָאל בַּאגְלֵייטְן.

הָאט פַארְן קִינְד בַּאנוּמֶען דֶעם קֶענִיגְס צַעַר מֶער פוּן דָאס זַיינִיגֶע, אִין זַיין מֹחַ הָאט גֶענוּמֶען פִיבֶּערְן וִויאַזוֹי עֶר קֶען בַּאפְרֵייעֶן דֶעם קֶענִיג פוּן דִי גְרוֹיסֶע וֵוייטָאגְן. אִיז אִים אַרוֹיפְגֶעשְׁווימֶען אַ גֶעדַאנְק, אַז וִוי בַּאוואוּסְט אַז בּוּשָׁה וֶוערְט פַארְרֶעכְנְט אַזוֹי וִוי מִיתָה (בבא מציעא נח:) הָאט עֶר זִיךְ פַארְבֶּעטְן בַּיים אוֹיפְזֶעעֶר פוּן תְּפִיסָה זָאל אִים צוּלָאזְן צוּם קֶענִיג, אוּן עֶר רוּפְט זִיךְ אָן צוּם קֶענִיג: "אִיךְ וֵויִיס זִיכֶער אַז דַיין וֵוייטָאג אִיז פִיל גְרֶעסֶער פוּן מַיינֶע, אָבֶּער דוּ קֶענְסְט נִישְׁט עוֹבֵר זַיין אוֹיפְן גֶעזֶעץ, הָאבּ אִיךְ אַ גוּטֶע עֵצָה פַאר דִיר קֶענִיג קְרוֹין, זָאלְסְט צוּשְׁטַאנְד בְּרֶענְגֶען אַז אֵיינֶער זָאל מִיר גוּט פַארְשֶׁעמֶען בְּרַבִּים, אוּן בּוּשָׁה אִיז דָאךְ וִוי שְׁטַארְבְּן, זָאל דֶער קֶענִיג לָאזְן בְּרֶענְגֶען פוּן אַרֶעסְט הוֹיז אַ בַּאנְדִיט, אַ גַזְלָן וָואס קוּמְט אִים טוֹיט-שְׁטְרָאף אוּן אִיךְ וֶועלְן זִיךְ מִיט אִים רֵייצְן, וֶועט עֶר מִיר זִיכֶער צוּרִיקְגֶעבְּן מִיט זַיין פוּלְן כַּעַס אוּן עֶר וֶועט מִיר נָאךְ צוּטֵיילְן אַפָּאר גוּטֶע מַכּוֹת, אִין פָּארְנְט פוּן אַלֶעמֶען וֶועלְן אִיךְ בַּאקוּמֶען אַ גוּטְן פָּארְצִיעֶ פוּן בּוּשׁוֹת - וָואס וֶוערְט פַארְרֶעכְנְט וִוי טוֹיט. שְׁפֶּעטֶער קֶען מֶען נֶעמֶען דֶעם גַזְלָן וָואס פַארְדִינְט זִיךְ סֵייוִוי זַיין חֵלֶק אוּן מֶען וֶועט אִים מַאכְן אַ סוֹף אוּן בְּרֶענְגֶען צוּם טוֹיט, פַאר דִי צוּקוּקֶער וֶועט זִיךְ דַאכְטְן אַז מֶען טוּט אִים אוּמְבְּרֶענְגֶען וַוייל עֶר הָאט פַארְשֶׁעמְט אַ קְנֶעכְט פוּנֶעם קֶענִיג, אַזוֹי וֶועט נִישְׁט פַארְשְׁוֶועכְט וֶוערְן דֶער כְּבוֹד הַמַּלְכוּת אוּן זַיין בַּאלִיבְּטֶער קְנֶעכְט".

**אַזוֹי אוֹיךְ גֶעשֶׁעט אַמָאל אַז אֵיינֶער פַארְשֶׁעמְט דֶעם צַדִיק, אוּן טוּט מִיט דֶעם גָאר אַ טוֹבָה פַארְן צַדִיק, וַוייל אַזוֹי וֶוערְט דֶער צַדִיק פַארְצַייט אוֹיף וָואס עֶר אִיז גֶעוֶוען חַיָיב מִיתָה אוּן מֶען הָאט דָאס פַארְטוֹישְׁט מִיט בּוּשׁוֹת. עֶס אִיז אָבֶּער פָּארְט נִישְׁט קַיין כָּבוֹד שָׁמַיִם, נִישְׁט נְקָמָה צוּ נֶעמֶען פוּן דֶעם וָואס הָאט פַארְשֶׁעמְט אַזַא בַּאלִיבְּטְן קְנֶעכְט פוּן קֶענִיג. אוּן "גַּם עֲנוֹשׁ לַצַּדִּיק לֹא טוֹב" (משלי יז). דֶערִיבֶּער פִירְט דֶער בַּאשֶׁעפֶער דִי צְוֵויי זָאלְן זִיךְ צַאמְטְרֶעפְן אִינְאֵיינֶעם, דֶער יֶענִיגֶער וָואס אִיז שׁוֹין סֵייוִוי חַיָיב מִיתָה זָאל פַארְשֶׁעמֶען דֶעם צַדִיק אוּן אַזוֹי וֶוערְט דֶער צַדִיק פָּטוּר פוּן זַיין דִין, אוּן דֶער בַּאנְדִיט וֶוערְט גֶעשְׁטְרָאפְט אוּן עֶס וֶוערְט גֶעהֵיילִיגְט דֶעם בַּאשֶׁעפֶער'ס נָאמֶען, אַז עֶר אִיז גֶעשְׁטְרָאפְט גֶעוָוארְן פַארְן פַארְשֶׁעמֶען דֶעם צַדִיק, וַוייל "גַּבְרָא קְטִילָא קָטֵיל" (סנהדרין עא:), עֶר אִיז שׁוֹין פוּן פְרִיעֶר גֶעוֶוען וֶוערְד זַיין עוֹנֵשׁ אוּן "דַּרְכֵי ה' יְשָׁרִים (הושע י"ד) וְלֹא עַוְלָתָה בּוֹ (תהילים צ"ב).**

(שבחי הָרַ"ן כ"ט)



# סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מִשָּׁנִים קַדְמוֹנִיּוֹת

## מַעֲשֶׂה ט' - פוּן דֶער חָכָם מִיטְן תָּם (8)

**דֶערְוַוייל** אִיז אֵיינֶער אָנְגִיקוּמֶען אוּן הָאט גִיזָאגְט. דֶער טַייְוֹול הָאט נָאךְ אַייךְ גִישִׁיקְט.

**אִיז דֶער תָּם** זֵייעֶר דֶערְצִיטֶערְט גִיוָוארְן אוּן אִיז גִילָאפְן אוּן הָאט דֶערְצֵיילְט זַיין וַוייבּ מִיט גְרוֹיס פַּחַד בַּאֲשֶׁר דֶער **טַייְוֹול** הָאט נָאךְ אִים גִישִׁיקְט הָאט זִי אִים **אֵיין עֵצָה גִיגִיבְן**. אַז עֶר זָאל שִׁיקְן נָאךְ דֶעם **בַּעַל שֵׁם**. הָאט עֶר נָאךְ אִים גִישִׁיקְט.

**אִיז דֶער בַּעַל שֵׁם** גִיקוּמֶען אוּן הָאט אִים גִיגִיבְן קַמֵיעוֹת אוּן שְׁמִירוֹת אוּן הָאט אִים גִיזָאגְט אַז **הַיינְט** וֶועט עֶר זִיךְ שׁוֹין גָאר נִיט שְׁרֶעקְן. הָאט עֶר דְרִינֶען גִיהַאט **גְרוֹיס אֶמוּנָה**.

**דֶערְנָאךְ** זֶענֶען זֵיי וַוייטֶער גִיזֶעסְן אִין אֵיינֶעם דֶער **תָּם** מִיט דֶעם **חָכָם**. פְרֶעגְט אִים דֶער **חָכָם**. וָואס הָאסְטוּ זִיךְ אַזוֹי אִיבֶּער גִישְׁרָאקְן. הָאט עֶר אִים גִיעֶנְפֶערְט. אִיבֶּער דֶעם **טַייְוֹול** וָואס עֶר הָאט נָאךְ אוּנְז גִישִׁיקְט.

**הָאט דֶער חָכָם** אוֹיס אִים גִילַאכְט. אוּן הָאט גִיזָאגְט צוּ אִים דוּ גְלֵייבְּסְט אַז סֶע אִיז פַאר הַאנְדְן אַ **טַייְוֹול**.

**פְּרֶעגְט אִים דֶער תָּם** דֶער מִינִיסְטֶער. וֶוער זֶע דֶען הָאט נָאךְ אוּנְז גִישִׁיקְט. עֶנְפֶערְט אִים דֶער חָכָם. הָאט דָאס אִיז בְּוַודְאַי פוּן מַיין בְּרוּדֶער. עֶר הָאט גִיוָואלְט אַז עֶר זָאל זִיךְ מִיט מִיר זֶעהְן. הָאט עֶר עֶס אוֹיף גִישְׁטֶעלְט. אוּן הָאט נָאךְ מִיר גִישִׁיקְט מִיט דֶעם אָנְשְׁטֶעל.

**פְּרֶעגְט אִים דֶער תָּם**. אַז סֶע אִיז יוֹא אַזוֹי. וִוי אַזוֹי אִיז עֶר אַרִיבֶּער אִיבֶּער אַלֶע וַוארְטֶעס. עֶנְפֶערְט עֶר אִים. עֶר הָאט זֵיי בְּוַודְאַי מְשַׁחֵד גִיוֶועןן אוּן זֵיי זָאגְן אִין מִיסְטֶנֶע אַ לִיגְן אַז זֵיי הָאבֶּען אִים גָאר נִיט גִיזֶעהְן.

**דֶערְוַוייל** קוּמְט ווִידֶער אֵיינֶער אוּן זָאגְט ווִידֶער אַזוֹי. דֶער **טַייְוֹול** הָאט נָאךְ אַייךְ גִישִׁיקְט. אוּן דֶער תָּם הָאט זִיךְ אִיצְט שׁוֹין גָאר נִיט גִישְׁרָאקְן אוּן עֶר הָאט קֵיין **שׁוּם** **פַּחַד** שׁוֹין **נִיט גִיהַאט**. מַחְמַת דִי שְׁמִירוֹת וָואס עֶר הָאט **גִינוּמֶען בַּאם בַּעַל שֵׁם**. **רוּפְט עֶר זִיךְ אָן** (דְהַיְינוּ דֶער תָּם) אוּן זָאגְט צוּם חָכָם. נָא הַיינְט. וָואס זָאגְסְטוּ.

**עֶנְפֶערְט עֶר אִים**. אִיךְ וֶועל דִיר דֶערְצֵיילְן אִיךְ הָאבּ אַ בְּרוּדֶער וָואס עֶר אִיז אוֹיף מִיר בְּרוֹגֶז. הָאט עֶר עֶס גִימַאכְט דֶעם אָנְשְׁטֶעל כְּדֵי עֶר זָאל מִיךְ אִיבֶּער שְׁרֶעקְן.

**אוּן דֶער חָכָם** הָאט זִיךְ אוֹיף גִיהוֹיבְן. אוּן הָאט גִיפְרֶעגְט דֶעם וָואס עֶר אִיז גִיקוּמֶען נָאךְ זֵיי. וָואס פַאר אַ פָּנִים הָאט דֶער דָאזִיגֶער וָואס הָאט גִישִׁיקְט נָאךְ אוּנְז. וָואס אַ פַארְבּ הָאבְּן זַיינֶע הָאר וְכוּ' אוּן אַזוֹי אַנְדֶערֶע זַאכְן הָאט עֶר אִים גִיעֶנְפֶערְט אַזוֹי אוּן אַזוֹי.

**רוּפְט זִיךְ אָן דֶער חָכָם** אוּן זָאגְט זֶע. הָאט דָאס אִיז דָאס גִישְׁטַאלְט פוּן מַיין בְּרוּדֶער. זָאגְט אִים דֶער תָּם. וֶועסְטוּ זֶע גֵיין מִיט זֵיי. עֶנְטְפֶערְט עֶר יוֹא. אִיךְ וֶועל גֵיין מִיט זֵיי. נָאר דוּ זָאלְסְטוּ מִיר גִיבְן עֶטְלִיכֶע זֶעלְנֶער אוֹיף אַזַאלַאגָא כְּדֵי מֶען זָאל מִיר קֵיין יְסוּרִים נִיט אָנְטָאן. הָאט עֶר אִים גִיגִיבְן אַזַאלַאגָא.

**זֶענֶען דִי צְוֵויי חֲכָמִים הַנַ"ל** גִיגַאנְגֶען מִיט דֶעם וָואס עֶר אִיז גִיקוּמֶען נָאךְ זֵיי (דְהַיְינוּ מִיט דֶעם טַייְוֹול. וָוארְן זֵיי הָאבְּן נִיט גִיוָואלְט גְלֵייבְּן אַז דָאס אִיז דֶער טַייְוֹול כַּנַ"ל)

**הָאבְּן זִיךְ דִי זֶעלְנֶער** פוּן דֶער זַאלַאגָא אוּמְגִיקֶערְט. פְרֶעגְט זֵיי דֶער תָּם דֶער מִינִיסְטֶער וואוּ זֶענֶען דִי חֲכָמִים. הָאבְּן זֵיי גִיעֶנְפֶערְט זֵיי וֵויסְן גָאר נִיט וִוי זֵיי זֶענֶען אַהִין גִיקוּמֶען.

**אוּן דֶער** (דְהַיְינוּ דֶער שְׁלִיחַ פוּן דֶער טַייְוֹול) הָאט גִיחַאפְּט דִי חֲכָמִים אוּן הָאט זֵיי אַרַיין גִיטְרָאגְן אִין אַ בְּלָאטֶע אַרַיין מִיט אַ לֵיים. אוּן דָארְטְן אִיז גִיזֶעסְן דֶער **טַייְוֹול** אוֹיף אַ שְׁטוּל אִין דֶער בְּלָאטֶע. אוּן דִי בְּלָאטֶע אִיז גִיוֶוען גְרָאבּ אוּן גִידִיכְט אַזוֹי וִוי אַ קְלֵייעֶ פּוּנְקְט.

**און די חֲכָמִים** הָאבְּן זִיךְ גָאר נִיט גִיקֶענְט רִירְן אִין דֶער בְּלָאטֶע. און דִי חֲכָמִים הָאבְּן גִישְׁרִיגְן. רְשָׁעִים פַארְוָואס טוּט אִיר אוּנְז אָן יְסוּרִים. אִיז דֶען דָא אַ **טַייְוול** אוֹיף דֶער וֶועלְט אִיר זֶענְט רְשָׁעִים אִיר טוּט אוּנְז אָן יְסוּרִים אוּמְזִיסְט (וָוארְן דִי חֲכָמִים הָאבְּן נָאךְ נִישְׁט גִיוָואלְט גְלֵייבְּן אַז סֶע אִיז פַאר הַאנְדְן אַ טַייְוול. נָאר זֵיי הָאבְּן גִיזָאגְט אַז מֶענְטְשְׁן רְשָׁעִים טוּהְן זֵיי אָן יְסוּרִים אוּמְזִיסְט)

**זֶענֶען גִילֶעגְן דִי צְוֵויי חֲכָמִים** אִין דֶער גִידִיכְטֶער בְּלָאטֶע. און הָאבְּן גִיקְלֶערְט. וָואס אִיז דָאס. דָאס אִיז אַנְדֶערְשׁ נִיט נָאר דִי הוּלְטַייְעס וָואס מִיר הָאבְּן זִיךְ אַמָאל מִיט זֵיי גִיקְרִיגְט. טוּהְן זֵיי אוּנְז אָן הַייְנְט אַזוֹינֶע יְסוּרִים.

**זֶענֶען דִי חֲכָמִים דָארְט גִילֶעגְן** אִין דֶער בְּלָאטֶע כַּמָה שָׁנִים. און מֶען הָאט זֵיי דָארְט אָנְגִיטָאן ווִילְדֶע יְסוּרִים מִיט ווִילְדֶע עִנוּיִים.

**אַמָאל אִיז דֶער תָּם** דֶער מִינִיסְטֶער פִיר גִיגַאנְגֶען פַאר דֶער שְׁטוּבּ פוּן דֶעם בַּעַל שֵׁם. הָאט עֶר זִיךְ דֶערְמַאנְט אִין זַיין חָבֵר אִין דֶעם חָכָם.

**און אִיז אַרַיין גִיגַאנְגֶען צוּם בַּעַל שֵׁם.** און הָאט זִיךְ צוּ אִים גִינֵייגְט. אַזוֹי ווִי דֶער סֵדֶר אִיז און הָאט אִים גִיפְרֶעגְט. אוֹיבּ סֶע אִיז מִיגְלִיךְ. אַז עֶר זָאל אִים וַוייזְן דֶעם חָכָם און אוֹיבּ עֶר קָאן אִים אַרוֹיס נֶעמֶען.

**און דֶער תָּם דֶער מִינִיסְטֶער** הָאט גִיזָאגְט **צוּם בַּעַל שֵׁם** גִידֶענְקְט אִיר דֶעם חָכָם וָואס דֶער **טַייְוול** הָאט גִישִׁיקְט נָאךְ אִים און הָאט אִים אַוֶועק גִיטְרָאגְן און פוּן דֶעמוּלְט אָן הָאבּ אִיךְ אִים נִיט גִיזֶעהְן. **הָאט אִים דֶער בַּעַל שֵׁם גִיעֶנְפֶערְט** יוֹא אִיךְ גִידֶענְק. הָאט אִים דֶער **תָּם** דֶער **מִינִיסְטֶער** גִיבֶּעטְן אַז עֶר זָאל אִים וַוייזְן דָאס אוֹרְט וואוּ דֶער חָכָם אִיז און זָאל אִים אַרוֹיס נֶעמֶען פוּן דָארְט

**הָאט אִים דֶער בַּעַל שֵׁם גִיזָאגְט.** אִיךְ קָאן בְּוַודְאַי דִיר וַוייזְן זַיין אוֹרְט. און קֶען אִים אַרוֹיס נֶעמֶען נָאר סֶע זָאל מֶער נִישְׁט גֵיין נָאר אִיךְ און דוּ. **זֶענֶען זֵיי בֵּיידֶע גִיגַאנְגֶען.** הָאט דֶער בַּעַל שֵׁם גִיטָאן וָואס עֶר הָאט גִיוואוּסְט. זֶענֶען זֵיי אַהִין גִיקוּמֶען הָאט עֶר גִיזֶעהְן ווִי זֵיי לִיגְן דוֹרְט אִין דֶער גִידִיכְטֶער בְּלָאטֶע אִין לֵיים. **ווִי דֶער חָכָם הָאט דֶערְזֶעהְן דֶעם תַּם דֶעם מִינִיסְטֶער.** הָאט עֶר צוּ אִים גִישְׁרִיגְן **בְּרוּדֶער.** זֶע. זֵיי שְׁלָאגְן מִיךְ. און דִי הוּלְטַייְעס פַּייְנִיקְן מִיךְ אַזוֹי שְׁטַארְק אוּמְזִיסְט.

**הָאט אוֹיף אִים דֶער מִינִיסְטֶער אַ גִישְׁרֵיי גִיטָאן. נָאךְ** הַאלְסְטוּ זִיךְ אִין דַיינֶע חָכְמוֹת און ווִילְסְט נִיט גְלֵייבְּן אִין קֵיין שׁוּם זַאךְ. און דוּ זָאגְסְט אַז דָאס אִיז מֶענְשְׁן.

הָאט הַייְנְט זֶעה. הָאט דָאס אִיז דֶער **בַּעַל שֵׁם** וָואס דוּ הָאסְט אִין אִים גִילֵייקֶנְט. וֶועט מֶען דִיר וַוייזְן אַז דַייקֶא **נָאר עֶר קָאן אַייךְ אַרוֹיס נֶעמֶען** (און עֶר וֶועט אַייךְ וַוייזְן דֶעם אֶמֶת)

**הָאט דֶער תָּם דֶער מִינִיסְטֶער** גִיבֶּעטְן דֶעם **בַּעַל שֵׁם.** אַז עֶר זָאל זֵיי אַרוֹיס נֶעמֶען און זָאל זֵיי וַוייזְן אַז דָאס אִיז אַ **טַייְוול** און סֶע אִיז נִיט קֵיין מֶענְשְׁן.

**הָאט דֶער בַּעַל שֵׁם** גִיטָאן וָואס עֶר הָאט גִיטָאן. **זֶענֶען זֵיי גִיבְּלִיבֶּען שְׁטֵיין אוֹיף דֶער יַבָּשָׁה** (דְהַיינוּ אוֹיף דֶער טְרִיקֶענִישׁ) און סֶע דוֹרְט **גָאר קֵיין בְּלָאטֶע נִיט גִיוֶוען.** און דִי מַזִיקִים **זֶענֶען גִיוָוארְן עַפְרָא בְּעַלְמָא** (דְהַיינוּ זֵיי זֶענֶען גָאר עֶרְד גִיוָוארְן)

**דֶעמוּלְט** הָאט עֶרְשְׁט דֶער חָכָם דֶערְזֶעהְן **דֶעם אֶמֶת** און עֶר הָאט גִימוּזְט **מוֹדֶה** זַיין אוֹיף אַלִימֶען אַז סֶע אִיז **יוֹא דָא אַ מֶלֶךְ** און סֶע אִיז יוֹא דָא אֵיין **אֶמֶתִיר בַּעַל שֵׁם** וְכוּ'.

**אוֹיף דֶער מַעֲשֶׂה** אִיז גִיזָאגְט גִיוָוארְן דִי תּוֹרָה וָואס זִי שְׁמוּסְט פוּן **תְּמִימוּת** אַז דֶער עִיקָר יוּדִישְׁקֵייט אִיז נִיט קֵיין חָכְמוֹת **נָאר תְּמִימוּת און פְּשִׁיטוּת וְכוּ':** נָאךְ דֶעם אַז עֶר הָאט אוֹיס גִילָאזְט דִי מַעֲשֶׂה. הָאט עֶר זִיךְ אָנְגִירוּפְן. און אַז דָאס דַאוִונֶען אִיז נִיט אַזוֹי ווִי מְדַארְף. **אִיז עֶס אַ שִׁיכֶעלֶע מִיט דְרַיי עֶקְן.** פַארְשְׁטֵיי גוּט וָואס מְדֶערְצֵיילְט. ווִי אַזוֹי מְקָאן אִיבֶּערְלֶעבְּן דִי וֶועלְט מִיט בְּרוֹיט און מִיט וַואסֶער און מִיט פֵּעלְץ. און מִזָאל אַבֶּעסֶער לֶעבְּן הָאבְּן און **אַ פְרֵיילִיכֶער לֶעבְּן.** אֵיידֶער דֶער גְרֶעסְטֶער חָכָם און דֶער גְרֶעסְטֶער עוֹשֶׁר אַזוֹי ווִי מִיר זֶעהְן אַז זֵיי זֶענֶען פוּל מִיט יְסוּרִים תָּמִיד. און צוּם סוֹף אִיז זִיךְ **אַוַודְאַי נָאר גוּט דֶעם תַּם** וָואס עֶר הָאט זִיךְ בַּאנוּגְן גִילָאזְט מִיט וָואס עֶר הָאט גִיהַאט און אִיז **תָּמִיד פְרֵיילֶעךְ גִיוֶוען.** און דֶער וָואס ווִיל זַיין אַ חָכָם און טְרַאכְט פִּיל אִיבֶּער. וֶוערְט עֶר פַארְשְׁוַוארְצְט פוּן דֶעם אָנְהֵייבּ בִּיז אִין אוֹיסְלָאז. און אִיז פוּל מִיט יְסוּרִים תָּמִיד. און דֶער הָאט קֵיין מָאל קֵיין לֶעבְּן נִיט. און צוּם סוֹף וֶוערְט עֶר פַארְלוֹירְן. **בִּיז דֶער תַּם מוּז אוֹיף אִים רַחְמָנוֹת הָאבְּן.** און זָאל אִים הֶעלְפְן. חוּץ דֶעם אִיז נָאךְ דָא אִין דֶער מַעֲשֶׂה זֵייעֶר גְרוֹיסֶע סוֹדוֹת. וָוארְן דִי אַלֶע מַעֲשִׂיוֹת זֶענֶען דוּרְךְ גְרוֹיסֶע סוֹדוֹת הַתּוֹרָה.

נאמען:__________

# לאמיר זיין פאר הערן



## די ניינטע מעשה - דער חכם און דער תם (8)

**א. ווער האט געשיקט רופן דעם חכם מיטן תם?**
- ❑ דער מלך.
- ❑ דער בעל שם.
- ❑ דער טייוול (דער נישט גוטער).

**ב. וואס האט דער בעל שם געגעבן פארן תם, און וואס האט ער אים געזאגט?**
- ❑ ער האט אים געגעבן א טייערער ספר, און האט אים געזאגט, ער זאל לערנען אין דעם.
- ❑ ער האט אים געגעבן קמיעות און שמירות, און האט אים געזאגט אז היינט וועט ער זיך שוין גאר נישט שרעקן.
- ❑ ער האט אים געגעבן געלט און האט אים געזאגט ער זאל לייגן אין צדקה וועט ער זיך נישט שרעקן.

**ג. וואס האט דער חכם געזאגט פארן תם, ווער איז דער וואס האט געשיקט רופן נאך זיי?**
- ❑ דאס איז בוודאי דער טייוול
- ❑ דאס איז בוודאי א שליח פונעם קעניג.
- ❑ דאס איז בוודאי מיין ברודער.

**ד. פארוואס האט שוין דער תם נישט מורא געהאט דעם צווייטן מאל וואס דער טייוול האט געשיקט רופן נאך זיי?**
- ❑ ווייל דאס ערשטע מאל האט גארנישט פאסירט.
- ❑ ווייל דער חכם האט געזאגט אז מען דארף נישט מורא צו האבן
- ❑ ווייל ער האט גענומען א שמירה פונעם בעל שם.

**ה. וואס האבן די חכמים געשריגן פון די בלאטע?**
- ❑ אז עס איז נישטא קיין מלך אויף דער וועלט.
- ❑ זיי ווילן תשובה טאן.
- ❑ רשעים פארוואס טוט איר אונז אן יסורים.

**ו. וואס האט זיך דער תם דערמאנט ווען ער איז אריבער געגאנגען פאר די שטוב פון דער בעל שם?**
- ❑ אז עס איז דא א צדיק אויף דער וועלט.
- ❑ אז אמאל פלעגט ער מאכן שיך מיט דריי עקן.
- ❑ אין זיין חבר דער חכם.

**ז. וואס האט דער תם געבעטן פון דער בעל שם?**
- ❑ אויב ער קען אים ווייזן דעם חכם.
- ❑ אויב ער קען ארויס נעמען דעם חכם.
- ❑ביידע תשובות זענען ריכטיג.

**ח. ביים סוף האבן די חכמים מודה געווען אז עס איז דא א מלך און א צדיק אויף דער וועלט?**
- ❑ ניין.
- ❑ יא.
- ❑ זיי האבן געמוזט מודה זיין.

**ט. וואס לערנסטו זיך דערוויל פון די מעשה?**
- ❑ אז מען דארף בעטן פאר השי"ת צו זוכה זיין, צו זיין א תם.
- ❑ אז עס איז שווער פארן חכם צו זיין א תם.
- ❑ ______________.

**י. האסטו געלערנט די מעשה פון די וואך?**
- ❑ יא
- ❑ ניין
- ❑ א חלק

**עֶר הָאט גִימוּזְט מוֹדֶה זַיין... אַז סֶע אִיז יוֹא דָא אַ מֶלֶךְ אוּן... אֵיין אֱמֶתִיר בַּעַל שֵׁם**



# טיפער געטראכט

**וואס האט א קשר די מעשה צו פורים?**

## תשובות אויף די מעשה פון דער חכם מיטן תם (7)

**אוואו זעט מען ביי די מעשה אז דער תם האט רחמנות געהאט אויפן חכם?** וַוייל דֶער תַּם.. הָאט אִים גִיקֶענְט פוּן לַאנְג.. הָאט עֶר אִים גִיהֵייסְן גִיבְּן קְלֵיידֶער

**און אוואו זעט מען ביי די פרעדיגע וואכן אז דער חכם האט רחמנות געהאט אויפן תם?** מַחְמַת דִי אַהֲבָה פוּן דֶער יוּגְנְט... הָאט עֶר אִים מְקַרֵב גִיוֶוען.

**וואס איז אנדערש פון וואס דער גאר קאך האט געטון פאר די חכמים?** הָאט זֵיי דֶער גָאר קֶעכֶער אָנְגִישְׁרִיגְן.. הָאט זֵיי גִישְׁלָאגְן גַאנְץ שְׁטַארְק. אוּן הָאט זֵיי אַרוֹיס גִישְׁטוּפְּט פוּן זַיין שְׁטוּב.

**צו וואס דער פקיד האט זיי געטון?** הָאט זֵיי דֶער פָּקִיד אוֹיךְ גִיהַרְגֶעט גִישְׁלָאגְן. אוּן הָאט זֵיי אַרוֹיס גִישְׁטוּפְּט.

דעם רבינ'ס מעשיות

לְהִתְוַדֵּעַ וּלְהִגָּלוֹת אַז אִיטְלֶעכְס וָוארְט וָואס דָא שְׁטֵייט אִין דֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר, אִיז 'קוֹדֶשׁ־קָדָשִׁים', לוֹטֶער 'סוֹדוֹת־הַתּוֹרָה'. מֶען זָאל נִישְׁט מֵיינֶען: "אַז דָאס זֶענֶען חַס־וְשָׁלוֹם פְּרָאסְטֶע מַעֲשִׂיוֹת"!

צו ענטפערן בחינות און אריינגיין אינעם גורל, 02-5333372 צו באקומען דעם גליון אין מייל- m025345040@gmail.com